# THE SHEPHERD OF ISRAEL

**ENGLISH DEPARTMENT**

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

AUG. - SEPT. 1924.
VOL. VI No. 1


## THE GREATEST SELFISHNESS

(continued from last month)

Just to refresh your memory we must give a brief synopsis. First, we have seen from the scriptures that God in His Word has spoken to us clearly that He has a Son. We further proved that the Lord Jesus is that Son, and that only thru Him can Judah and Israel be saved. If we therefore put our trust in Him according to the closing words of the second Psalm, we are sure to be blessed. If we do not accept Him as our Saviour who alone has made the atonement for our sins we die in our sins and are lost forever. Thus you see the reason for calling the series of these articles by the name "The Greatest Selfishness." Would it not be a crime not to proclaim this great salvation to people who are going to be lost in their sins?. Truly if we would keep silence we would be equal to dumb dogs because God said so concerning those who refuse to proclaim to people His way of life. In Isa. 56:10, we read: "His watchmen are blind; they are all ignorant, they are all dumb dogs, they cannot bark; sleeping, lying down, loving to slumber."

Now let us look at another prophecy. "For unto us a child is born, unto us a son is given, and the government shall be upon his shoulder, and his name shall be called Wonderful, Counsellor, The mighty God, The everlasting Father, The Prince of Peace." Is. 9:6. Here the language is double: "A child is born, a son given." That is, he is born like other men and yet he is not like other men. He must be born of a woman to redeem from sin which came through the woman, but he must also be the Son of God; therefore the prophet says: "A son is given unto us;" as the Son of God he is given, not born, as we read in John 3:16. "For God so loved the world that he gave his only begotten Son that whosoever believeth in him should not perish but have everlasting life." This child born, this Son given shall be called, Wonderful, Counsellor, the Mighty God etc., just as we read in Jer. 23: "He shall be called Jehovah our Righteousness." Dear reader, this is a strong passage and it is worth while to consider what child is meant here. There are differences of opinion as to the interpretation of this passage but if we only can understand Hebrew we can easily understand the mind of God in this passage without any commentaries. Rashi, the great Jewish commentator, says that this child is Hezekiah the King of Judah, and that it cannot refer to Jesus because of the expression in verse 6, "from now on," since Jesus was born centuries later. But Rashi will have to pardon us, if we differ. "From now on" refers to the time when this prophecy began to be fulfilled. So we read in Micah 4:7, that when Messiah comes, then the Lord their God shall reign over them on Mount Zion from now on and forever. The "from now on" means from the time when it will be fulfilled, from then on it shall be forever. So also in the passage Is. 9:7: "of the increase of his government and peace there shall be no end, upon the throne of David, and upon his kingdom, to order it, and to establish it with judgment and with justice from henceforth even forever. The zeal of the Lord of hosts will perform this."

Thus we have seen that this child born, this Son given, is not a common child of man, but the Son of God given to be born as a child, and that this personage is none other than Jesus the Christ. And yet when we speak today to any Jew about the Son of God he ridicules the idea and asks: "How can God have a Son?" But when the temple was still standing and the Jews still studied the Word of God they knew that the Messiah was to be the Son of God. Read Matt. 26:63, and listen to the high priest speaking to Jesus:" I adjure thee by the living God, that thou tell us whether thou be the Christ, the Son of God." Here we see that the high priest believed that God has a Son and that the Messiah was to be the Son of God. Other people of those times believed the same thing, as you can see and read throughout the New Testament.

Now let us take the conclusion of the second Psalm: "Kiss the Son lest he be angry and ye perish from the way, when his wrath is kindled but a little. Blessed are all they that put their trust in Him." Here we see that if we do not accept Him there is danger that we perish, that we be lost. But God is love. He does not want us to perish, and therefore He commands us to trust in Him. From this we see that the Son of God is God himself, for God says: "Blessed are all they that put their trust in him." And in Jer. 17:5 He says: "Cursed is the man that puts his trust in man." How then can He command us to put our trust in the Messiah, if He were a mere man? Will you not hasten to come to Him with your sins and your burdens?

Now I expect that you will say: "Granted that according to the Scriptures God has a Son that the Messiah is His Son, but I am not yet convinced that Jesus of Nazareth is His Son." Permit me therefore to point you to a few passages in our Holy Bible.

1st. "The scepter from Judah shall not be taken away, nor a lawgiver from between his feet, until Shiloh comes, and unto him shall the gathering of nations be." Gen. 49:10. If Shiloh, the Messiah is not yet come, then the scepter or government of Judah must still exist, but since this government has been taken from Judah for more than 1800 years, the Messiah must have come; and since Jesus of Nazareth came just at the time when the government was being taken from Judah, He must be the Messiah. Furthermore we are told in this prophecy that to Him shall the nations gather, and as the nations have been gathering to Him, and today more so than ever, He must be the Messiah. If you deny this truth, you repudiate your own Scriptures and make our father Jacob a liar.

2nd. Read Micah 5:2. Here we learn that Messiah is to be born in Bethlehem, and as Jesus of Nazareth was born in that town of David, this is another proof that He is the Messiah.

3rd. In Mal. 3:1, we read that "suddenly he will come to his Temple," and as Jesus came in the time when the Temple still stood, and preached in the Temple and drove out those who made of the house of prayer a house of merchandise, He must be the Messiah.

4th. Another prophecy we read in Numbers 24:17: "There shall come a star out of Jacob, and a scepter shall rise out of Israel." This has not been understood by many. Most of the commentators among the Jews have interpreted this star to mean the Messiah. But how can a star mean the Messiah? Read the second chapter of Matthew and you will find that the astrologers of the Orient had come to Jerusalem, inquiring of King Herod: "Where is the new born King of the Jews?" (The King Messiah whom the Jews expected at that time.) "For we have seen his star in the East, and have come to worship him." When told by the learned men, that according to prophecy, He was to be born in Bethlehem, they proceeded thence, and again they saw the same star standing over the place where Jesus was. Thus guided they entered and brought their thank offerings and worshipped the child. Thus the prophecy of the star of Jacob was fulfilled in Him, and God spoke in the language of the stars about the star that should come out of Jacob.

5th. Let us read Zechariah 9:9. "Rejoice greatly, O daughter of Zion, shout, O daughter of Jerusalem; behold, thy King cometh unto thee; he is just and having salvation; lowly, and riding upon an ass, and upon a colt the foal of an ass. Now read Matt. 21 and see how Jesus entered Jerusalem just as here prophesied. Is it not gracious of God to foretell even such little things about the Messiah so that there can be no mistake in identifying Him?

We could bring many other prophecies, but space will not permit. Many of them

(continued next page)

פון גאט ב"ה אליין. און עד היום בליקען מיליאנען מענשען אין גייסטיגען פנים פון ישוע המשיח, דורך אמונה אין זיין גאולה, און געפינען דיא געטליכע נחמה אין איהם אזוי וויא זייא וואלטען כביכול גאט אליין געזעהן.

דא שטעלט זיך אבער א פראגע, וויא קומט עפעס ישוע המשיח אין אידישען מחזור? און נאך מעהר פרעגט זיך: אז אידען בעטען יא "בזכות ישוע המשיח" וואלטען דאך זייערע תפלות יא בעדארפט געהערט ווערען, ווייל ישוע המשיח האט דאך געזאגט אין יוחנן י"ד: "כל אשר תשאלו בשמי אני אעשנו"! און מיר זעהען דאך בפירוש אז גאט הערט נישט צו אידישע תפלות, ווייל זאנסט, וואלטען מיר דאך שוין לאנג געווען פריי פון גלות.

די אנטווארט דרויף איז די פאלגענדע. צווישען אונז אידען איז תמיד געווען יראים ושלמים וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח. און אזוי איז אויך געווען דער מחבר פון דעם "יהי רצון". נור וואזשע דען, אידען האבען איהם לחלוטין ניט פערשטאנען אזוי וויא זייא פערשטעהען אונז נאך עד היום נישט. אט זאגען זייא דעם "יהי רצון" אזוי וויא זייא זאגען אסאך אנדערע תפלות אהנע צו פערשטעהן דעם פירוש המלות דערפון. און טאקע מהאי טעמא, ווייל מ'זאגט דאס נור מיט דיא ליפען און דאס הערץ איז נישט דערביי הערט גאט נישט אונזערע אידישע תפלות. אזוי וויא גאט באקלאגט זיך אין ישעיה כ"ט: "יען כי נגש העם הזה בפיו....ולבו רחק ממני..לכן...."

טייערער לעזער. מיר בעטען אייך ברחמים, גלויבט אין ישוע המשיח וואס איז דער "שר הפנים". אייערע תפלות וועלען אנגענומען ווערען לטובה. איהר וועט אלע האבען א "שנת חיים ושלום" און א "שנת גאולה וישועה".

## גרויסע אידען

דיעזעס בילד שטעלט פאר דעם גרויסען איד רעוו. יוחנן ע. רעזניק פון מינסק, רוסלאנד.

מר' רעזניק זייענדיג א פיין בחור'ל, א מתמיד אין די דארטיגע ישיבה, האט אויך ליעב געהאט זיך צו באקענען מיט וועלטליכע וויסענשאפט, הן צו לייענען ליטעראטור והן צו געהן צו אן אסיפה צו הערען א רעדנער.

ויהי היום, איז א קריסטליכער מיסיאנאר פארפאהרען נאך מינסק דארט צו דרש'ענען די בשורה טובה אין ישוע המשיח, און מר. רעזניק איז געווען איינער פון די ערשטע איהם צו הערען. יענע דרשה מיט זיין גאנצען אינהאלט איז ביי אונזער גרויסען איד לחלוטין געווען א נייע זאך און ער האט דעם רעדנער אפאר מאל אונטערבראכען זיין רעדע, איהם פרעגענדיג כל'ערליי קשיות אום זיין דרשה אבצושוואכען.

די השגחה האט אבער געוואלט אז אמשטאט ער זאל די דרשה אבשוואכען האט גאר די דרשה אונזער רעזניק'ן אבגעשוואכט און איהם געצייגט אז זיין גאנץ לערנען מיט זיין גאנצען יחוס (ווייל ער איז געווען דעם גרויסען מגיד'ס, ר' פנחס'ל קאריצערס אן אור־איניקעל) איז נישט מעהר ווי א "בגד עדים", א פארפוילטעס קלייד. (ישעיה ס"ד, 5) און אין צוויי וואכען צייט וואס דער מיסיאנאר איז דארט געשטאנען און גע'דרש'ענט, איז מר' רעזניק געווארען א גלויביגער אין ישוע המשיח.

מר' רעזניק קומענדיג פון א גרויסע פאמיליע און האבענדיג סתם גרויס באקאנטשאפט אין מינסק, האט צוליעב דער אמונה, פון מינסק געמוזט באלד עוקר זיין, זאנסט וואלט זיין שטיקעל לעבען ניט ווערט געווען א צובראכען ניקעל. און ניט וויסענדיג וואהין צו פאהרען האט ער אנגעשלאגען אזש אין שוועדען וואו ער האט עפענטליך געקענט ארויסקומען פאר זיין אמונה, און דאס אור המשיח



רעוו. יוחנן ע. רעזניק

ניט לאזען שטעהן באהאלטען אונטערן טיש, נייערט עס לאזען לייכטען פריי צו אלע. (מתתיהו ה. 15)

מר' רעזניק האט זיך אין שוועדען אויסגעבילדעט און איז אריבער נאך אמעריקא וואו מ'האט איהם אויפגענומען אלס א פרעדיגער פון א גרויסע קריסטליכע געמיינדע אין ברוקלין. ער וואלט אפשר אלע זיינע יאהרען דארט פערבליבען דער פרעדיגער פון דער קירכע, ווייל מ'האט איהם דארט באמת שטארק ליעב געהאט. זיין געוויסען האט איהם אבער קיין רוה געגעבען, און איינמאל בשעת ער האט זיך פערטיג געמאכט צו א דרשה האט ער זיך פלוצים אבגעשטעלט און זיך א פרעג געגעבען: "געוואלד וואס טהו איך דא?" וואס וועט ווערען מיט מיינע פיעל פערלאזטע אידישע בריעדער אין פאלק ישראל? פארוואס ניט בעסער געהן און צו זיי דרש'ענען?

מר' רעזניק איז מיט א קורצער צייט שפעטער אוועק נאך יאסי רומעניען, וואו ער האט 12 לאנגע יאהר אונערמיעדליך גדרש'ענט און געהאלפען אידען בכל מה דאפשר. זיי האבען זעהר ליעב געהאט צו־צוהערען זיינע אפען־הערציגע דרשות וועגען ישוע המשיח באגרינדעט אויף'ן תנ"ד.

אין די מלחמה יאהרען, ווען אלעס איז דארט געווארען אונרוהיג און אונזיכער דארט צו לעבען איז ער צוריק געקומען נאך אמעריקא און איז שפעטער געווארען דער סופעראינטענדענט פון דער גרויסער "ציון סאסייעטי" פאר ישראל, וואו ער האט אין די פערשיעדענע ברענטשעס מרביץ תורה ברבים געווען, נעמליך די תורת המשיח וועלכעס האט געבראכט א נחמה און א ישועה צו אלע וואס האבען איהם געוואלט צוהערען און גלויבען דריין.

מר' רעזניק איז אויך געווען א גרויסער פאעט. ער האט באזונגען און באוויינט מיט טרערען דעם אידישען בראך און לאנגען גלות. און טראץ דעם וואס ער איז געווען א מושלם בכל המעלות, איז ער אבער אויך געווען א גרויסער עניו וועלכעס ער האט געלערענט פון ישוע המשיח וואס זאגט אין מתתיהו י"א: "ולמדו ממני כי עניו אנכי ושח לבב..."

אונזער גרויסער איד איז ערשט פאר אייניגע מאנאט צוריק נפטר געווארען. ער איז ארויף צו זיין הא ר און משיח מיט איהם צו בלייבען ביז ער קומט צוריק אויף דיעזער וועלט צו רעגירען אלס מלך ישראל וגואלו.


## בית שר שלום

קארנער טרופ עווענין און וואלטאן סטריט

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר — פיר מענער און פרויען

זאנטאג נאכט 8 אוהר ..... פיר מענער און פרויען


have been explained in our tracts, which are to be had in Yiddish and English. For this time, enough has been said to convince any truth loving heart that believes in the Jewish Scriptures that Jesus of Nazareth is the true Messiah and our gracious Redeemer.

But I see another question trembling on your lips. It is this: "If Jesus of Nazareth is the true Messiah, why did not our ancestors believe in Him? Among them were great scholars, scribes, and wonderful Rabbis who ought to have recognized Him, if He were the Messiah; but if they did not, how can we believe in Him, who know so little in comparison with them?" Allow me in reply to point you to Nehemiah 8:13. Here we read that Ezra the scribe found a new law which hitherto was overlooked. That law was to celebrate Succoth, the festival of booths. And we are told that this law had not been observed by Israel "from the days of Joshua the son of Nun until this day." Just think! There was a Samuel, a David, Solomon, Elijah, Elisha, and many other great and godly prophets, and yet from Joshua till Ezra, for the space of a thousand years, this commandment had been overlooked and forgotten although today known by every little child. Do you wonder that the Rabbis at the time of Jesus, men much inferior to the prophets of old, should fail to recognize Him? These Rabbis were great sinners and therefore darkened in their understanding by the bias of their sinful hearts. That this was their condition you can tell because God had to destroy their Temple and their land as a result of their sin. So you see that we cannot go by what the Rabbis and forefathers believed or disbelieved. They were poor sinners like ourselves, that is all. Our safety for time and eternity lies in the Word of God. If you study and believe that, you will have the Redeemer and His redemption, and upon the question "What is His Son's Name?" you will be able to answer:

"Jesus of Nazareth, my Lord and my Salvation!"

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10-11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דינען משיח

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

AUG. - SEPT. 1924.
VOL. VI No. 1


## עמיל זאלא פון פאריז

ענדליך האט דער גרויסער העלד, עמיל זאלא, געקרוגען אביסעלע כבוד כאטש נאך זיין טויט: פאריז האט אויפגעדעקט א מאנומענט פאר דעם גרויסען העלד עמיל זאלא.

איהר געדענקט דאך מסתמא די דרייפוס געשיכטע ווען גאנץ פראנקרייך איז פלוצים צו־ווילדעט געווארען און האבען דוקא געוואלט דרייפוס'ן אפרוימען פון דער וועלט. ווייל, בכן, ער האט פערראטהען און פארקויפט פראנקרייך'ס סודות צו איהר ביטערסטען שונא. ס'האט אויסגעזעהן אזוי ווי דער שד האט זיך אריינגעכאפט אין אלע פראנצויזען און האט געוואיעט און געראוועט דורך זיי אויף דעם איד "דרייפוס" בפרט, און אויף אלע אידען בכלל. עס איז געווען א בלבול וואס האט גענוצט צו פאליטיק. די מאכט פון דער רעגירונג און די פאליטישע מאשין זיינען געשטאנען הינטער דעם בלבול ווי א שטיינערנע וואנד וואס קיין כח האט געקענט דורכברעכען. ווער ס'האט געוואגט רעדען צו גונסטען פון דרייפוס איז געשטעמפעלט געווארען אלס א מיט־פאררעטהער און איז געווען אין גרעסטען געפאהר מיט זיין פרייהייט און מיט זיין לעבען.

אפילו דער נאבעלער אדוואקאט "פיקאר", וואס האט דרייפוס'ן פערטיידיגט אויף דעם געזעצליכען אופן, איז אומגליקליכער ווייזע דערשאסען געווארען פון די פינסטערלינגע.

אונטער דיעזע אומשטענדען איז אונזער העלד, עמיל זאלא, א געוויסענהאפטער פראנצויז, ארויפגעשווימען אויף דער אויבערפלעכע און האט זיך געשטעלט אין קאמפף געגען גאנץ פריינקרייך, ווייל ער האט ליעב געהאט דעם א מ ת, און האט געשטריטען פאר'ן אמת אונטער אלע אומשטענדען.

דענקט נור ליעבער לעזער, א י י ן עמיל זאלא האט געוואגט צו קעמפפען געגען אזויפיעל ווילדע חיות, געגען א משוגע־געווארענעם פראנקרייך. און דאך האט דאס איהם ניט צוריק געשראקען נייערט ווי א קינד פון אמת, טריי געארבייט דעם אמת ארויסצוברינגען צום שיין פון ליכט, כדי יעדער זאל זעהן דעם ריינעם אמת. יא, זיין ארבייט האט אויך נושא פירות געווען:

פראנקרייך איז סוף כל הסוף בעסער געווארען. האט איינגעזעהן דעם אמת, און האט איצט אויפגעריכט א שעהנעם מאנומענט צו דעם ליעב־האבער פון אמת.

אנטגעגען וואס ברינגען מיר אט דיזען עניין? אנטקעגען אונזער אייגען אידיש פאלק און די רבנים, וועלכע שטעהען נאך אימער אזוי זעהר ווייט פון אמת, אזוי ווי יענע פראנצויזישע חברה זיינען געווען. און דאס צייגט ווידער אמאל ווי נ ו י ט י ג דיא וועלט דארף האבען מיסיאנערען, קעמפפענדע העלדען פאר'ן אמת, אזוי ווי עמיל זאלא איז געווען. דעם אמת ארויסצוברינגען אויף דער אויבערפלעכען אז כל ישראל זאל עס זעהן, און זאלען ווערען קינדער פון אמת בישוע המשיח וואס איז דער אמת אליין. (יוחנן י"ד, 6)

אונגליקליכער־ווייזע האט דער שקר ארומגענומען דעם אידישען לאגער אזוי ווי יענע פראנצויזען ביי דרייפוס'ן. דער שקר האט זיי דעם קאפ פארדרעהט, און די אויגען זיי פארבלענדט מיט נארישע מנהגים וואס פאלשע מענשען האבען איינגעפיהרט צווישען זיי. מנהגים וואס האבען קיין שום שורש אין דער תורה, נייערט זיי זיינען לחלוטין געגען דער תורה. און דאך איז עס יענע צבועים געלונגען צו פארפיהרען דאס פאלק מיט אויסגעטראכטע מנהגים און האבען זיי אויך נאך איינגערעדט אז "א מנהג ברעכט א דין".

וואלט דער אידישער המון געקענט רעכט דענקען, וואלטען זייא אל ע אויפגעשטאנען דאגעגען ווייל ווי קען דען א מענשליכע מאכעריקע, אן אויסגעטראכטער מנהג, ברעכען א דין מן התורה וואס גאט האט געגעבען? איז אבער די צרה, אז דער המון איז ניט מסוגל צו דענקען און פאלגען זייער כלי קודש ווי יענער בלינדער וואס ווערט געפיהרט פון אן אנדערען בלינדען און פאלען ביידע אין גרוב אריין.

לאמיר געבען אונזערע ווערטהע לעזער א קורצען בעגריף וועגען אייניגע מנהגים וואס אידען האבען, וואס זיינען לגמרי געגען דער תורה:

אידען זיינען זיך נוהג, ר"ח אלול און עשי"ת צו געהן אויף'ן "בית עולם" און בעטען רחמים אז דיא טויטע זאלען זיך פאר זייא "מיהען" און דארט אויבען זיי עפעס א טובה טהון. אט־א־דאס איז א גרויסע עבירה ווייל גאט האט שטרענג פערבאטען צו זיין א "דורש אל המתים". (דברים י"ח)

אידען האבען ווידער אן אנדערן מנהג "כפרה צו שלאגען" מיט א הוהן אדער מיט א האהן, ארויפלעגען אויפ'ן עוף די עבירות פון א גאנץ יאהר. (און דאן די כפרה מיט די עבירות אליין אויפעסען) אוי וואס פאר אן אונזין! ווייל גאט האט דאך אויסדריקליך געזאגט: "ואני נתתיו לכם על המזבח לכפר על נפשותיכם כי הדם הוא בנפש יכפר" (ויקרא י"ז 11.) ד"ה, אז כפרת עונות קענען אידען ערשט דאן קריגען ווען זייא ברענגען דאס בלוט פון א קרבן אויף'ן מזבח, אבער ניט א הוהן אדער א האהן ארום דעם קאפ! איז דאס ניט א סקאנדאל און א פארברעכען געגען גאט ב"ה, זיך לאזען צו פערפיהרען פון פאלשע און איגנאראנצע מענשען וואס הייסען זייא יא "דורש אל המתים" זיין, יא "כ פ ר ה ש ל א ג ע ן", און צו "תשליך" געהן, און "הושענות שלאגען", און נאך אסאך אזאלכע נארישע מנהגים אשר לא כתובים בתורה!

זאגען מיר אבער עפעס געגען די אלע נארישע מנהגים, כדי דעם המון צו בעלייכטען און זיי ארויסצונעמען פון דער פינסטערניש, איז מען אויף אונז "להשמיד ולהרוג".

מיר קענען לייכט פארשטעהן פארוואס עס איז פראדוצירט געווארען אין דיא אידישע הערצער אזא מין שרעקליכע פינסטערע שנאה געגען ישוע המ ש י ח, ווייל אין מתתיהו כ"ג און אין לוקס י"א לעזען מיר וויא ישוע המשיח האט אנגערופען דיא פרושים פון יענער צייט און פון אלע צייטען, אז זיי זיינען "חנפים און צבועים". ער האט קיין געניגענדען אויסדרוק נישט געקענט געפינען אין דער מענשליכער שפראך אום זייער שלעכטקייט צו שילדערן, און דערפאר האט ער זיך בלויז בענוצט מיט דעם "אוי לכם פרושים חנפים", ד"ה, "אז אך און וועה איז אייך פרושים"! דיעזער אויסדרוק איז אין זיך כולל אלעם בייזע. און ווען דיא פרושים האבען דאס געהערט, האבען זיי איהם אנגעהויבען שטארק צו האסען, און דיעזער האס איז נעביך ביי אידען געבליבען עד היום הזה. א מין פארברעכערישער מנהג. אי, גאט ב"ה זאגט דאך אבער "לא תשנא את אחיך בלבבך"! זאגען אבער אידען: מיר האבען א מנהג יא צו האסען ישוע המשיח, און א מנהג ברעכט א דין. און אזוי זיינען אידען צוגעבונדען צו דער טייפלישער שנאה אזוי ווי מיט קייטען. אפילו משה רבינו אליין זאל פון הימעל אראב קומען און זאגען אז מ'זאל נישט האלטען דיא נארישע

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.